# דעת תורה

## א איבערזעצונג אין אידיש פונעם בריוו פון הגאון הצדיק המקובל

## רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א

**איבער דעם תורה'דיגער פליכט פאר אידן איבער די וועלט, אינעם יעצטיגן מצב, וואס דער מחלה קאראנא האט זיך פארשפרייט רח"ל, צו וויסן וואס צו טוהן למעשה**


יעקב מאיר שכטער
נשיא מוסדות "קרן אור"
בעיה"ק ירושלים תובב"א
רח' שמעון רוקח 21 י-ם טל. 02-6264619

YAAKOV MEIR SHECHTER
President "Keren Or" Institutions
JERUSALEM
21 Shimon Rokach St. Tel. 972-2-6264619


בעזהי"ת כ"א אדר א"ך טוב לישראל תש"פ

צו אחינו בני ישראל פון איבעראל הע"י. וויבאלד לעצטנס פארשפרייטן זיך קרענק און מגיפה אין די גאנצע וועלט רח"ל, און מיר מאמינים בני מאמינים ווייסן מיט א קראנטקייט אז עס איז נישט דא קיין שום געשעעניש וואס פאסירט פון זיך אליין, און אלעס וואס פאסירט איז א רמז און א שפראך פון אויבן וויאזוי מען דארף זיך פירן דא אונטן, נאר צו אונזער גרויסער ווייטאג האבן מיר נישט די צדיקים און חכמים אין אזא מדרגה וואס זאלן אונז ציוויסן טוהן וואס זענען די רמזים.

דערפאר ליגט אויף אונז זיך אנצוכאפן אין קלארע און אין אפענע זאכן וואס זענען באוויסט פאר יעדן, און דאס איז אז דער ענין וואס פאדערט ספעציעל א תיקון אין די היינטיגע צייטן איז, דער ענין פון "צניעות און קדושה". ד.מ. נישט צו דערצערענען דעם באשעפער דורך גיין מיט פריצות'דיגע קליידונג, און אזוי ווי רש"י שרייבט (ישעי' ג' ט"ו) אויף די וואס פירן זיך בפריצות "אז גייענדיג אין די גאס צינדן זיי אן דעם יצר הרע אזוי ווי גיפט פון א שלאנג" וואס דאס ברענגט א חרון אף אויף די וועלט השם ירחם, ווי דער פסוק זאגט (דברים כג, טו) אז "דער רבוש"ע געפינט זיך אין די אידישע מחנה אונז צו ראטעווען ווען די מחנה איז הייליג און עס טאר נישט געזעהן ווערן קיין אומוועדיגקייטן". און אויף דעם לאו פון "לא תנאף" זאגט דער תרגם "לא תגוף", וואס איז מרמז אז דאס זיין געווארנט אין דעם ענין טוט ראטוען פון א "מגיפה".

און ווי באוויסט פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע אז ער האט געזעהן אין א געוויסע שטאט גאר הויכע נשמות, און ווען ער האט נאכגעפארשט דערויף, איז אים אנטפלעקט געווארן אז די פרויען פירן זיך דארט מיט גאר א שטארקע צניעות, און דערפאר בלייבן די מענער מיט הייליגע מחשבות, וואס דער נאכפאלג האט געברענגט צו ממשיך זיין הייליגע נשמות.

**אויסער דעם וואס אין די היינטיגע צייטן איז פארמערט געווארן דאס זיך אנטוהן פריצות'דיג מיט שמאלע און ארויסשטארנדע שרייעדיגע קליידונג וואס טוט פארמערן שלעכטע מחשבות, איז צו דעם צוגעקומען פארשידענע פארדארבענע כלים וואס טוט פארדארבן, ווי עס איז ליידער פיל פון די כלים, און דאס טוט צוגעבן נאך פיל טומאה. און נאך מער אז עס איז פארלוירן געווארן אינגאנצן די בושה פון זיך באניצן מיט אט די פארדארבענע כלים וואס פארטינקלען די אויגן און פארטעמען דאס הארץ.**

«

און פון די אנדערע זייט איז נישט מעגליך צו אויסמאלן און אפשאצן די גרויסע מעלה פון גיין מיט אויסגעהאלטענע צניעות'דיגע קליידונג וואס טוט אפשיידן צווישן די קדושה און טומאה, און טוט אראפנעמען די צארן פון השי”ת פון אידן און טוט ממתיק זיין די דינים אן א שיעור.

## דערפאר איז יעדער מחויב צו איינפירן אין שטוב צו טוהן למעשה אז די בני בית זאלן גיין אין צניעות'דיגע וועגן, כדי זיי זאלן זוכה זיין צו אלעם גוטן, און נישט מכשיל זיין אנדערע דורך נישט אויסגעהאלטענע קליידונג.

## אזוי אויך זיך צו דערווייטערן פון די דאזיגע כלים און זיי אינגאנצן ארויסטראגן פון שטוב.

ביז אהער איז וואס איז נוגע צו סור מרע, און איצט צו עשה טוב - צו משתדל זיין צו ארויסזאגן קלאר די מאה ברכות פון יעדן טאג, אין חז”ל ווערט געברענגט אז דאס איז געווען די עצה פון דוד המלך ע”ה צו ראטעווען דעם דור פון די מגיפה וואו עס זענען אוועק הונדערט מענטשן יעדן טאג ל”ע. און דורך איינהאלטן די קלארע עצה צו זאגן די ברכות ווי עס באדארף צו זיין, וועלן מיר זוכה זיין צו צוריקהאלטן דעם אונטערגאנג, און ממשיך זיין א שפע פון לעבן און ברכה און פיל גוטס פאר די אידישע שטוב, און דאס איז א גרויסער יסוד פאר דאס גאנצע אידישקייט, און דאס איז וואס השי”ת פארלאנגט פון אונז אזוי ווי חז”ל דרש'ענען.

אזוי אויך צו פארמערן מיטן זאגן ”תהלים”, וואס איז דער ספר פון ”תפלה” און ”אמונה” וואס דוד מלך ישראל האט פארפאסט מיט רוח הקודש פאר אלע דורות און פאר אלע צייטן פאר יעדן מענטש ממש, פאר יעדער צרה און שוועריגקייט אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, און ספעציעל אין דעם יעצטיגן עת צרה. און בעזר השם דורך די הייליגע רייד פון תהלים וועלן מיר גערעטעוועט ווערן פון אלע צרות און די ישועה וועט שנעל קומען.

און דער עיקר איז צו לעבן שטענדיג מיט א גייסט פון השגחה פרטית, צו וויסן מיט א קלארקייט אז עס איז נישטא קיין שום פאסירונג פון זיך אליין, און זיין דבוק אינעם אייבירשטן און אין די הייליגע מצות, און צו רופן און צו דאווענען צום באשעפער שטענדיג.

א סימן איז דא אז דער נאמען פונעם מחלה איז ”קרא-נא” (וואס מיינט) צו רופן צו השי”ת שטענדיג, ווייל עס איז נישטא אויסער אים גארנישט און נאר ער קען העלפן, און אנשטאט צו טראכטן אז עס איז א ”מקרה” (פאסירונג פון זיך אליין) זאל מען שרייען צום אייבירשטן ”א-ל נא והושיעה נא”.

און איבער אלעם זאל מען נישט ווערן טרויעריג און נישט ציטערן, ווייל דער אייבירשטער איז מיט ענק. און אין די איצטיגע צייטן דארף מען זיך שטארקן ספעציעל צו זיין פרייליך, און נישט אריינגיין אין קיין פחדים און טומלען וואס שטאמט פון שוואכקייט אין בטחון. און וואס מער מען שטארקט זיך מיט שמחה און מיט א הארץ פול מיט האפענונג צו השי”ת וועט דער מגיפה אוועקגיין שנעלער. און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו א שפע פון גוטס און ברכה, און צו א לאנג לעבן מיט א געזונטן גוף, און דער רבוש”ע זאל זיין צו אונזער הילף מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן מיטן אייביגע ישועה שנעל און גיך.

